בס"ד

בשלח תשפ"ה

גליון 225

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרעֶ קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטְן?

שַׁבָּת שִׁירָה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָארְן צוּ זַיינֶע חֲסִידִים. אוּן וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַלֶע תִּקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט וֶוערְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת.

מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ שׁוֹין אִין דִי פֶערְצִיג טֶעג טֶעג פַאר פּוּרִים, אוּנְזֶערֶע לַייט גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין, מֶען בֶּעט שׁוֹין פוּן בַּאשֶׁעפֶער: "הַצִּילֵנִי מִקְלִפַּת הָמָן וַעֲמָלֵק, וְזַכֵּנוּ לִקְדֻשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר. בְּעֶזְר הַשֵּׁם וֶועלְן מִיר דָאס יָאר זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם בִּפְרָט וֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת הֵייבְּן זִיךְ אָן אִין דֶעם טָאג פּוּרִים.



דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַארְצֵיילְט אוּנְז אִין דִי פַּרְשָׁה דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזֶען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף, אַ דִינְסְט הָאט גֶעזֶען בַּיים יַם אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט אִין זַיין צַייט נִישְׁט גֶעזֶען. דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס מֶען זֶעט דִי וָואךְ אִין פַּרְשָׁה וִוי בִּזַּת הַיָּם, דֶער מָן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל טָאג טֶעגְלִיךְ.

נָאךְ דִי אַלֶע וואוּנְדֶער שְׁטֵייט "וַיָּרֶב הָעָם עִם מֹשֶׁה" - דִי אִידְן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן מֹשֶׁה הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מֵי מְרִיבָה, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן פְרֶעגְן: "הֲיֵשׁ ה' אִם אָיִן". אוּן דַאן אִיז גֶעשֶׁען אַז "וַיָּבֹא עֲמָלֵק," רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט דִי חֲזַ"ל פַארְוָואס שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק נָאנְט צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשָׁה, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, אוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פְרֶעגְן: "אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט אוּנְז אָדֶער נִישְׁט?" זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ וֶועל עֶנְק שִׁיקְן אַ הוּנְט וָואס בַּייסְט אוּן עֶנְק וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּ מִיר, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק וִויסְן וואוּ אִיךְ בִּין."

עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרָאגְט זַיין זוּן אוֹיפְן אַקְסְל אוּן גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג, אִינְמִיטְן וֶועג בֶּעט דָאס קִינְד פוּנֶעם טַאטְן: "גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס אַ זַאךְ" אוּן דֶער טַאטֶע גִיט אִים גְלַייךְ. אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער בֶּעט דָאס קִינְד נָאכְאַמָאל אוּן דֶער טַאטֶע גִיט אִים וַוייטֶער וָואס עֶר בֶּעט. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דְרִיטְן מָאל. גֵייעֶנְדִיג אַבִּיסְל טִיפֶער אִין וֶועג קוּמְט זֵיי אַנְטְקֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן דָאס קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטְן?"

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער טַאטֶע צוּם קִינְד: "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיךְ בִּין?" דֶער טַאטֶע וַוארְפְט אַרָאפּ דָאס קִינְד אוֹיף דֶער עֶרְד. גְלַייךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן

המשך אויף זייט 3

# מיין מעשה'לע



## דער באשעפער באוויזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער

עֶרֶב רֹאשׁ-חֹדֶשׁ שְׁבָט, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָאְרְן צוּ הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, מִיט אַלֶע פֶּעק אוּן זֶעק, מַאכְן מִיר זִיכֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גְרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, מֶען זָאל פָאְרְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט אַ שִׂמְחָה. עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקַייט? מֶען פָאְרְט צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

שׁוֹין, מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִיר קִינְדֶער קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, מֶען פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, דִי זֶעקְלֶעך הֶענְגֶען אוֹיף אַלֶעמֶענְס הֶענְט, צוּ דֶערְצוּ הַאלְט מַיין מַאמֶע דִי קְלֵיין בּוּבֶּעלֶע - אַ הַאלְבֶּע יָאר אַלְט אִין דֶער הַאנְט. מִיר גֵייעֶן צוּ צוּם עֶלֶעוֶועיטָאר, דִי קְנֶעפְּל אִיז שׁוֹין אָנְגֶעצִינְדְן אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ אוּנְזֶער שְׁטָאק. אַ טְרִיט נֶענְטֶער צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען מַאכְט אַ תְּפִלָּה דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיפְן וֶועג, אִיךְ גִיבּ נָאךְ אַ דַאנְק פַאר דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס אִיךְ הָאבּ.

דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גֵייט גֶעשְׁוִוינְד אַרַיין אִין עֶלֶעוֶועיטָאר וֶוען דִי טִיר פוּנֶעם עֶלֶעוֶועיטָאר פַארְמַאכְט זִיךְ אוּן גְרֵייט זִיךְ צוּ אַרָאפְּפָארְן. אוּן דַאן הֶערְן מִיר יָאמֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת פוּן אוּנְזֶער קְלֵיין בּוּבֶּעלֶע, נִישְׁט מֶער נִישְׁט וֵוינִיגֶער, דָאס קְלֵיין הֶענְטֶעלֶע פוּן דֶער קְלֵיינֶער בֶּעבִּי אִיז פַארְהַאקְט אִינֶעם טִיר, עֶר מַאכְט קוֹלוֹת וּבְרָקִים, מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן נִישְׁט מֶער וִוי מִיטְשְׁרַייעֶן, דִי טִיר אִיז הֶערְמֶעטִישׁ פַארְקְנַאקְט.

מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ טִיפֶע קוֹל פוּן הַארְץ אַרוֹיס, קוֹדֶם 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה', דֶערְנָאךְ 'יַעַנְךָ ה' בְּיוֹם צָרָה', עֶר פְּרִיְוּט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, אָבֶּער נֵיין, עֶס אִיז וִוי פַארְגְלִיוֶועְרְט!

מִיר אַלֶע הָאבְן אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיגְן דִי קוֹלוֹת פוּנֶעם קְלֵיינֶעם, מִיר וֶוענְדְן זִיךְ צוּם טַאטְן אִין הִימְל, עֶפְן אוּנְז דֶעם אַייזֶערְנֶעם טוֹיעֶר, טַאטֶע הֶעלְף!! אוּן דֶער טַאטֶע הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה רוּף! דִי טִיר הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גֶעעֶפְנְט, אַלֵיין, אָן פַּייעֶר לֶעשֶׁער, אָן קְנֶעפְּלֶעך, וִויאַזוֹי פּוּנְקְט, וֵוייס אִיךְ נָאכְנִישְׁט בִּיז הַיינְט אוּן אַזוֹי אִיז דֶער עֶלֶעוֶועיטָאר גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף אוּנְזֶער שְׁטָאק זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן רוּקְן אַרוֹיף אָדֶער אַרָאפּ.

זָאפָארְט זֶענֶען מִיר אַלֶע אַרוֹיס גֶעשְׁוִוינְד פוּנֶעם רָאבָּאטִישְׁן עֶלֶעוֶועיטָאר אוּן גְלַייךְ גֶעשְׁוִוינְד אַרַיין צוּרִיק אִין הוֹיז, וֶוען מַיין טַאטֶע בַּאמֶערְקְט אַז לַיידֶער הָאט דֶער טִיר אַיינְגֶעבוֹיגְן צְוֵויי פִינְגֶערְס פוּנֶעם קְלֵיינֶעם...

מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ מַאכְן אַ שְׁנֶעלְן חֶשְׁבּוֹן, וָואס דַארְף מֶען יֶעצְט טוּן? רוּפְן הַצָּלָה? לוֹיפְן אִין שְׁפִּיטָאל?

מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוָוארְן גְרִין פוּן טְרַאכְטְן צוּ גֵיין בַּאזוּכְן דָאקְטוֹירִים אוּן אָפְּזִיצְן שָׁעוֹת אִינֶעם וַוארְט-זַאל פוּן שְׁפִּיטָאל. אָקֶעי דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אָפְּצִיֶע פַאר יֶעצְט, מִיר גֵייעֶן מַאכְן אַ קְלֵיין הִשְׁתַּדְלוּת אוּן תְּפִלָּה טוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז פִירְן אוֹיף זַיין רִיכְטִיגֶע וֶועג.

מֶען הָאט בַּאשְׁמִירְט דָאס קִינְד מִיט אַ זַאלְבּ, אַלֶע קִינְדֶער אַרוּם דֶער טִישׁ מִיט אַ תְּהִלִּים, שְׁמוֹת הַצַּדִיקִים אוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִין דֶער הַאנְט. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע צְוָואנְצִיג מִינוּט מִיר זֶעעֶן אַז דִי פִינְגֶערְלֶעךְ קוּמֶען צוּרִיק אִין פְּלַאץ, עֶס זֶעט זִיךְ אָן נָאר אַ קְלֵיין גֶעשְׁוִוילֶעכְטְס. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין

שְׁפִּיטָאל דַארְף מֶען נִישְׁט גֵיין.

מִיר הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז מֶען קֶען פָּארְן קַיין מִירוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, און אַזוֹי הָאבְּן מִיר טַאקֶע גֶעטוּן, זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוּן דִי נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער אַלֶע עֶרְוַוארְטוּנְגֶען.

ווִי אִיר פַארְשְׁטֵייט אַלֵיין, נָאכְן גֵיין צוּם גְרוֹיסְן דָאקְטָאר אִין מִירוֹן, הָאט זִיךְ דָאס פִינְגֶערְל שֵׁיין פַארְהַיילְט, מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעדַאנְקְט דֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט אוּנְז בַּאווִיזְן בִּזְכוּת דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא אֱלֹקִי.

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

רַבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת דֶער סוֹד פוּן קְלִפַּת עֲמָלֵק וָועלְכֶער וַוארְפְט אַרוֹיף אוֹיף אוּנְז אַ שִׁכְחָה מִיר זָאלְן פַארְגֶעסְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז שׁוֹין גֶעטוּן בִּיז הַיינְט, פוּן אָנְהוֹיבּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן מִצְרַיִם מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹתוֹת אוּן מוֹפְתִים אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, שְׁפֶּעטֶער דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים בַּיים אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי צַייטְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ וֶוען עֶר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן אַנְטְקֶעגְן אֵיין אוּן דְרֵייסִיג מְלָכִים, בִּיז דִי הַיינְטִיגֶע נִסִּים וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען דָאס זֶען וֶוער עֶס הָאט נָאר אָפֶענֶע אוֹיגְן.

אָבֶער עֲמָלֵק יִמַּח שְׁמוֹ ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אוּנְז אוּן אָפְּשְׁוַואכְן אוּנְזֶער הַארְץ ווִי גְלַייךְ מִיר הָאבְּן נָאךְ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען יְשׁוּעוֹת פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת. עֶר ווִיל מִיר זָאלְן נָאר פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא: "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" עֶר קְרִיכְט אַרַיין צוּם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט אוּן מַאכְט אִים פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער פוּן גֶעבּוֹירְן אָן בִּיז הַיינְט.

דִי וֶועג ווִיאַזוֹי מֶען הָאט מַכְנִיעַ גֶעוֶוען עֲמָלֵק אִיז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק... וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל... וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" זָאגְט רַשִׁ"י אוֹיף דֶעם אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל מִיט אַ רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה'דִיגֶע גֶעבֶּעט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אִידְן דֶעם כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען אוּן הָאבְּן אֱמוּנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ קוּקְן אוֹיף אַרוֹיף, צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס פוּן אִים קוּמְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, וָואס דָאס

אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִלְחָמָה קֶעגְן עֲמָלֵק - וֶועלְכֶער זוּכְט שְׁטֶענְדִיג אוּנְז אוֹיפְוַוייזְן אַז מֶען פּוֹעֶל'ט גָארְנִישְׁט מִיט תְּפִלָּה חַס וְשָׁלוֹם.

מִיר קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט אַלֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן עֲמָלֵק, וֶוען נִישְׁט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הַאלְט מִיט אִים מִלְחָמָה מִדּוֹר דּוֹר, אוּן מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת שִׁיקְט עֶר אוּנְז דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס חָכְמָה, בְּרֶענְגֶען זֵיי אִין אוּנְז אַרַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּקִים - זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין מִן הָרַחֲמִים אוּן גֶעבְּן אוּנְז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט תְּפִלָּה. בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּם רִיכְטִיגְן גְאוּלָה בִּמְהֵרָה.

# דאס פארברענטע ספר

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל הָאט גֶעוַויילְט אִין לֶעמְבֶּערְג פַּאר זַיין גֶעזוּנְט, אִין יָאר תקס"ח, אִיז עֶר אֵיין טָאג אַרַיין אִין אַ צִימֶער'ל (חֵדֶר מְיֻחָד) אוּן הָאט דָארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין מְשַׁמֵּשׁ ר' שִׁמְעוֹן זַ"ל אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ טִיפְן קְרֶעכְצְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען אִיבֶּערְצוּרֶעדְן!"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט פַּאר ר' שִׁמְעוֹן אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ גֶעבְּן וַוייל עֶר שְׁטֵייט פַּאר אַ לֶעבְּנְ'ס פְּרַאגֶע. אַזוֹי וִוי עֶר הָאט בַּיי זִיךְ זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער סֵפֶר, וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, נָאכְדֶעם דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער לֶענְג אוּן דֶער בְּרֵייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אַוֶועקְגֶעלֵייגְט זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע צְוֵוי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער פַּאר דֶעם סֵפֶר. (זֶעט אוֹיס אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְּזֵרָה אִין הִימְל אָדֶער דֶער סֵפֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אָדֶער דִי קִינְדֶער אוּן רֶעבֶּיצִין פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אַלֶעס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם, וַוייל דֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז וֶוער עֶס וָואלְט גֶעלֶערְנְט אִין דֶעם וָואלְט גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן מְ'וָואלְט גֶעקֶענְט זֶען דִי גְּדוּלָה פוּן רֶבִּי'ן מַמָּשׁ מִיט דִי אוֹיגְן וֶוען דֶער סֵפֶר וָואלְט נָאר גֶעבְּלִיבְּן...) יֶעדֶעס וָוארְט אִין אָט דֶעם הֵיילִיגְן



סֵפֶר אִיז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים! אוּן יֶעצְט הָאט מֶען מִיר מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז סְ'אִיז דָא אַ גְּזֵרָה אִין הִימְל אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוֹיבּ וִויל אִיךְ מִיךְ רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל נָאךְ בְּלַייבְּן דָא אַבִּיסְל דַארְף מֶען שׁוֹין פַּארְבְּרֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר!

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "הָאבּ אִיךְ אַ סָפֵק וָואס צוּ טוּן, וַוייל פַּארְבְּרֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַזוֹיפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ דָאס צוּ אָפְּשְׁרֵייבְּן אוּן יֶעצְט זָאל מֶען דָאס אַזוֹי גְלַאטִיג פַּארְבְּרֶענֶען?! אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט, מַיין לֶעבְּן? וִוי קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן וָואס צוּ טוּן?".

הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט: "אַוַודְאַי אוֹיבּ סְ'אִיז דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רַאטֶעוֶוען אֵייעֶר לֶעבְּן דַארְף מֶען טוּן אַלֶעס וָואס מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט פַּארְבְּרֶענֶען דֶעם סֵפֶר וֶועט עֶס אַוַודְאַי פַּארְלֶענְגֶערְן זַיינֶע יָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוֵויינְט

מִיט טְרֶערְן, דוּ וֵייסְט גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶעם סֵפֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ פַּארְלוֹירְן מַיין עֶרְשְׁטֶע ווַייבּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן נָאךְ אַסַאךְ גְרוֹיסֶע אוּן שְׁווֶערֶע יִסוּרִים גֶעהַאט פוּן דֶעם" אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעווֵיינְט אוּן גֶעוֵויינְט אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֵייסְטְן.

דֶער רֶבִּי זַ"ל אוּן ר' שִׁמְעוֹן הָאבְּן אַזוֹי גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער דָאקְטֶער פוּן רֶבִּין אוּן ר' שִׁמְעוֹן - דֶער מְשַׁמֵּשׁ הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּם דָאקְטֶער אַז דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי פִיל, אוּן זַיין מַצָּב ווִי עֶר אִיז אַזוֹי קְרַאנְק קֶען עֶס שָׁאטְן פַאר זַיין גֶעזוּנְט.

דֶער דָאקְטֶער הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי ווֶערְטֶער אוּן אִיז שׁוֹין צוּגֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי'ן זַ"ל עֶר זָאל הִיטְן זַיין גֶעזוּנְט, נָאכְדֶעם ווֶען דֶער דָאקְטֶער אִיז אַרוֹיס הָאט דֶער רֶבִּי ווַייטֶער זֵייעֶר פִיל גֶעווֵיינְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר ר' שִׁמְעוֹן: "אוֹיבּ אִיז אַזוֹי בַּאשְׁלָאסְן, נֶעם שְׁנֶעל דִי שְׁלִיסְל פוּן מַיין קַאמַאדֶע (שַׁאפֶע) אוּן הֵייל זִיךְ צוּ, לוֹיף אוּן שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ, דִינְג פְּלִינְק אַ פֶערְד מִיט אַ וָואגְן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן רֶעגְן אוּן שְׁנֵיי, פָּאר גֶעשְׁווִינְד קַיין בְּרֶסְלֶב, דָארְט זָאלְסְטוּ גְלַייךְ נֶעמֶען דִי צְווֵיי סְפָרִים, אֵיינֶע פוּן מַיין שַׁאפֶע אוּן דִי צְווֵייטֶע פוּן מַיין טָאכְטֶער אָדְל'ס קַאסְטְן, זָאלְסְט זֵיי בֵּיידֶע גְלַייךְ פַּארְבְּרֶענֶען.

(דִי צְווֵיי סְפָרִים זֶענֶען גֶעווֶען אֵיינְס ווַייל אֵיינֶע הָאט דֶער רֶבִּי אַלֵיין גֶעשְׁרִיבְּן אוּן דִי צְווֵייטֶע אִיז גֶעווֶען אַ קָאפִּי ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר ר' נָתָן זַ"ל אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל דֶעם סֵפֶר אוּן הָאט בֵּיידֶע הַעֲתָּקוֹת גֶעהַאלְטְן בַּיי זִיךְ)

דֶער רֶבִּי זַ"ל הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר ר' שִׁמְעוֹן לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְסְט זִיךְ שְׁנֶעל צוּהַיילְן אוֹיסְצוּפִירְן דַיין שְׁלִיחוּת, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט זַיין



קַיין אִיבֶּער-חָכָם צוּ פְּרִיוְון רַאטֶעווֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי בְּלֶעטֶער אוּן נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענֶען אָדֶער בַּאהַאלְטְן בַּיי דִיר חַס וְשָׁלוֹם, זָאלְסְט אַלֶעס טוּן פְּלִינְקֶערְהַייט גֶענוֹי אַזוֹי ווִי כְ'הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט.

בַּאלְד הָאט ר' שִׁמְעוֹן זִיךְ צוּגֶעהַיילְט אוּן גֶעדִינְגֶען אַ וָואגְן צוּ בְּרֶסְלֶב, זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן ווֶעג בִּזְרִיזוּת. ווֶען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטֶעטְל דַאשִׁיב ווֶעלְכֶע אִיז גַאנְץ נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב אִיז ר' שִׁמְעוֹן פְּלוּצְלוּנְג אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁווֶערֶע קְרֶענְק, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן מַאכְטְלָאז אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן אָרְט. אָבֶּער ווָאס ווֶעט זַיין מִיט דִי שְׁלִיחוּת פוּן רֶבִּי'ן? ר' שִׁמְעוֹן אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן גֶעטְרַאכְט פַּארְדַאגֶה'ט ווָאס זָאל אִיךְ טוּן? אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁלִיחוּת הֶענְגְט אוֹיף מִיר, דֶעם רֶבִּי'נְס לֶעבְּן אִיז תָּלוּי אִין דֶעם, אִיךְ מוּז אָנְקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב.

הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וואך בעז"ה




המשך פון די לעצטע זייט

די גרויסע כּחַ פון אֱמונָה, אויב מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמונָה קֶען מֶען וַואקְסְן און דֶער איד וֶועט פון זיךְ אַלֵיין אַרָאפּוַוארְפְן די עַצְבוּת און שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט אויף זיךְ.

מִיט אֱמונָה הָאט מֶען כּחַ צו וַואקְסְן און שְׁפְּרָאצְן, ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן "אֱמונָה, זֶה סֵדֶר זְרָעִים", אֱמונָה איז דֶער כּחַ פון וַואקְסְן. וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט אֱמונָה הָאט נִישְׁט מוֹרָא פון קַיין שום זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, עֶר פָּארְט צום צַדִּיק, עֶר דַאוְונְט ווי מֶען דַארְף. אַז ס'אִיז אָבֶער דָא אַ חִסָּרוֹן אִין אֱמונָה וֶוערְט מֶען מַמָּשׁ ווי פַארְפוילְט אַזוֹי ווי די זוּמֶען אִין די לֶענְדֶער וועלְכֶע פַארְמָאגְן נִישְׁט דָאס כּחַ פון וַואקְסְן.

דער רֶבּי זָאגְט דָארְט, 'פַּארְוָואס פָּארְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צום צַדִּיק? פַארְוָואס איז שְׁוֶוער פַארְן אִידְ'ל צו דַאוְוענֶען? וַוייל עֶר הָאט עַצְבוּת און עַצְלוּת, און פַארְוָואס הָאט עֶר עַצְבוּת און עַצְלוּת? וַוייל עֶס פֶעלְט אִים אִין אֱמונָה'.



אויב וָואלְט מֶען גֶעהַאט אַ קְלָארֶע אֱמונָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֵייט אִיבֶער מִיר און הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט פון מַיין מוֹיל, וָואלְט מֶען זִיכֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שום עַצְבוּת און עַצְלוּת צו דַאוֶונֶען.

אויךְ זָאגְט דֶער רֶבּי אִין די תּוֹרָה אַז די עֶרְד וואו עֶס קֶען גוּט וַואקְסְן די אֱמונָה אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, די עֶרְד דָארְט אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל צו וַואקְסְן, מֶען בַּאקוּמְט אַזַא אֲרִיכַת אַפַּיִם עֶס זָאל דֶעם מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט אָפְּשְׁרֶעקְן וֶוען עֶר וֶוערְט אַרומְגֶענוּמֶען מִיט שְׁוֶועריקַייטְן, עֶר בַּאקוּמְט דוּרךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל די כּוֹחוֹת צו שְׁטֵיין פֶעלְזְן-פֶעסְט קֶעגְן אַלֶע ווינְטְן.

**מִיר וֶועלְן בַּאגִיסְן אוּנְזֶער אֱמונָה, מִיר וֶועלְן פַארְמֶערְן מִיט רֵייד פון אֱמונָה צו אוּנְז אַלֵיין און צו די אַרומִיגֶע, אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַן אֱמֶתְ'ע חִיוּת סַיי בַּיים דַאוֶוענֶען און סַיי בַּיי אַלֶע אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים.** (ע"פ לקוטי מוהר"ן קנ"ה)

# לעובדא ולמעשה

בְּשְׁעַת רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ דֶעם סֵפֶר "שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י", הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים דָאס פַּארְלַייעֶן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים עֶס פַארְבָּארְגְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג, אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אָבֶּער דִי זָאלְסְט נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי חֲסִידִים וָואס בָּארְגְן אַ סֵפֶר אוּן פַארְגֶעסְן אָפְּצוּגֶעבְּן!". (דֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען דַאן אַ יָקָר הַמְּצִיאוּת צוּ טְרֶעפְן)

נָאכְדֶעם וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אוּן צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: 'וָואס הָאסְטוּ דָארְטְן עֶפֶּעס גֶעזֶען?'




הָאט ר' נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְטְן שְׁטֵיין אַז בִּשְׁעַת ר' חַיִּים וִויטַאל אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ , הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אִים זַייעֶר אַסַאךְ אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן זַייעֶר מְשַׁבֵּחַ גֶעוֶוען. אוּן ר' חַיִּים וִויטַאל אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר אַ תַּלְמִיד בַּיים הֵיילִיגְן רמ"ק - פַּרְדֵס הָרִימוֹנִים אוּן ר' חַיִּים אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער אִיד, עֶר הָאט זִיךְ זַייעֶר קְלֵיין גֶעהַאלְטְן, אוּן דָא לוֹיבְּט אִים דֶער אֲרִ"י זַ"ל אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעוואוֹינְט אַז מֶען זָאל אִים אַזוֹי לוֹיבְּן - דֶער אֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לוֹיבְּט אִים, עֶר הֵייבְּט אִים אוֹיף - עֶפֶּעס אַ מָאוֹר הַקָּטָן קֶעגְן אַ מָאוֹר הַגָּדוֹל'.

הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: "בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא - בְּמִעוּט פְּעֻלָּה קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ מַדְרֵגַת רֶבִּי עֲקִיבָא!" דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי טֶעג פַאר מָשִׁיחַ קֶען מֶען מִיט אַ קְלֵיינֶע פְּעֻלָּה וָואס מֶען טוּט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵגוֹת פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא!

וֶוען ר' נָתָן הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי רֵייד פוּנֶעם אֲרִ"י הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' נָתָן: "הָאסְט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן, אָט דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט". וִויבַּאלְד ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע, הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אִים אַזוֹי אוּן לוֹיבְּט אִים, אוּן טַאקֶע דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אֲרִ"י גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אִים אוֹיךְ.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז דָאס וָואס דֶער אֲרִ"י הָאט גֶעזָאגְט 'מִיט וֵויינִיג פְּעֻלּוֹת', אָבֶּער 'מִיט פִיל רְצוֹנוֹת'! כְּסֵדֶר פַארְמֶערְן כִּסוּפִין אוּן רְצוֹנוֹת צוּ וֶועלְן מוֹסִיף זַיין גוּטֶע מַעֲשִׂים צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

עֶס אִיז פַארְהַאן נָאךְ אַ זַאךְ: פְּעֻלּוֹת קֶען אִיךְ דָאךְ נָאר הָאבְּן בִּשְׁעַת אִיךְ בִּין אִינֶעם סֵדֶר, אָבֶּער אַז אִיךְ גֵיי אִין גַאס, צוּ וֶוען אִיךְ פָאר אוֹיפְן וֶועג, פְּעֻלּוֹת קֶען אִיךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט טוּן - אִיךְ גֵיי דָאךְ אִין גַאס, צוּ וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אִין גֶעשֶׁעפְט - וִוי קֶען אִיךְ דֶעמָאלְט טוּן פְּעֻלּוֹת? אָבֶּער רְצוֹנוֹת קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן, וַוייל רְצוֹנוֹת אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, דָאס קֶען מֶען אַלֶעמָאל הָאבְּן, רְצוֹנוֹת קֶען מֶען תָּמִיד הָאבְּן. (טעם זקנים - אוצר נחמני)

## די תשובות פון פאריגע וואך איבער ר' נתנ'ס געבורסטאג אין חודש שבט

- וועלכע טאג אין חודש איז ר' נתן געבוירן? **חמשה עשר בשבט, יאר תק"ם**
- וויאזוי האט געהייסן ר' נתנ'ס זון וואס איז נפטר געווארן? **מאיר**
- וועלכע יאר, חודש, איז ר' יצחק דער זון פון ר' נתן געבוירן געווארן? **ערב פסח תקס"ח**
- וועלכע יאר איז ר' נתן געווארן א חתן? **תקנ"ב, און חתונה געהאט אין יאר תקנ"ג אום שבת נחמו**
- וועלכע יאר איז ר' נתן געווארן מקורב צום רבי'ן און ווי אלט איז ער געווען דאן? **אלול תקס"ב**
- ווען האט דער רבי געזאגט פאר ר' נתן: "דיין שיך האט א פנים ווי א פאטש אין פנים"? **יאר תקס"ה, שבת נאכן ברית פון הילד שלמה אפרים ז"ל**
- ביי וועלכע קינד פון רבי'ן האט דער רבי מכבד געווען ר' נתן מיט מצות פריעה ביי די ברית? **הילד שלמה אפרים ז"ל**
- ווען פלעגט ר' נתן מיט אונזערע לייט זאגן פארן רבי'ן: "וואויל זענען דיינע קנעכט און וואויל זענען דיינע מענטשן וועלכע שטייען פאר דיר און הערן דיינע חכמות". **ר' נתן זאגט אז ביים רבי'נס לעבן פלעגן מיר שטענדיג זיין צוגעוואוינט דאס צו זאגן**

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן
אזוי אויף טרעף די ווערטער אינעם היינטיגן גליון אין איינע פון די מעשיות

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | א | נ | ק | ו | מ | ע | נ | ת | ס | ה | ע | א | צ |
| ו | מ | ר | כ | ה | ה | ה | י | נ | ג | א | א | ד | נ |
| א | א | מ | ט | ע | נ | א | ז | י | כ | ר | ד | ט | ט |
| פ | ק | א | ש | נ | ב | ד | ל | א | ד | ג | ד | ט | ש |
| ד | ט | ס | ר | י | ג | מ | ד | ר | ג | ת | ר | מ | ר |
| ד | י | א | ק | י | ח | ש | ע | צ | ל | י | ב | ר | ע |
| ע | פ | ע | ע | ל | ס | י | נ | נ | פ | ט | מ | ק | ב |
| ר | נ | פ | נ | ק | ז | ח | ת | ע | צ | י | ע | ש | י |
| ש | ב | ע | ק | ב | ת | א | ג | ו | ק | ד | ו | ו | ו |
| י | ט | ו | מ | א | פ | ס | ל | ו | נ | ד | ט | ע | א |
| ז | ו | ל | ט | ו | י | ע | מ | ב | ק | מ | ק | ת | ג |
| ט | ט | ה | נ | ו | ו | ע | ו | ה | מ | י | י | נ | ט |
| י | ע | ד | א | ע | נ | א | ה | ל | ב | ט | י | ב | ר |
| כ | ס | ג | י | מ | מ | י | ס | א | ה | ע | ע | ס | ס |

**הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: "בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא בְּמִעוּט פְּעֻלָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ מַדְרֵגַת רֶבִּי עֲקִיבָא!" דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי טֶעג פַאר מָשִׁיחַ קֶען מֶען מִיט אַ קְלֵיינֶע פְּעֻלָה וָואס מֶען טוּט פַאֵרן אוֹיבֶערְשְׁטְן אָנְקוּמֶען צוּ מַדְרֵגַת רֶבִּי עֲקִיבָא!**

וָוארְן ס'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ מַעֲשֶׂה – וָוארְן אַמָאל הָאט זִיךְ אַ 'מֶלֶךְ' פַארְקָאכְט אִין אַ 'בַּת־מַלְכָּה' – הָאט עֶר זִיךְ גֶעפָּארֶעט, אוּן הָאט גֶעטָאן תַּחְבּוּלוֹת [מִיטְלְן], אַז עֶר זָאל זִי כַאפְּן – בִּיז עֶר הָאט זִי דֶערְטַאפְּט, אוּן זִי אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען.

אַמָאל הָאט זִיךְ דֶעם 'מֶלֶךְ' גֶעחָלוֹמְ'ט: "אַז דִי 'בַּת־מַלְכָּה' אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אִים, אוּן הָאט אִים גֶעהַרְגֶעט" – הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט – אוּן דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין הַארְצְן אַרַיין.

הָאט עֶר גֶערוּפְן אַלֶע 'פּוֹתְרֵי־חֲלוֹמוֹת' (דְהַיְינוּ: דִי וָואס קֶענֶען בַּאשֵׁיידְן דִי חֲלוֹמוֹת) – הָאבְּן זֵיי אִים פּוֹתֵר גֶעוֶוען אַזוֹי־וִוי דֶער פָּשׁוּט אִיז: "אַז דֶער חָלוֹם וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן כִּפְשׁוּטוֹ, אַז זִי וֶועט אִים הַרְגֶענֶען".

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' קַיין עֵצָה נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְּן, וָואס עֶר זָאל מִיט אִיר טָאן?

"זָאל עֶר זִי הַרְגֶענֶען"? – טוּט אִים בַּאנְג.

"זָאל עֶר זִי אַוֶועקְשִׁיקְן פוּן זִיךְ"? – דָאס פַארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר, וָוארְן אַ אַנְדֶערֶער וֶועט זִי נֶעמֶען – אוּן דָאס פַארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר, וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעהָארֶעוֶועט אַרוּם אִיר, אוּן הַיינְט וֶועט זִי אָנְקוּמֶען צוּ אַ אַנְדֶערְן – אוּן דֶערְצוּ, אַז עֶר וֶועט זִי אַוֶועקְלָאזְן, אוּן זִי וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אַ אַנְדֶערְן, וֶועט זִיךְ בְּוַודַאי קֶענֶען מְקוּיָּם וֶוערְן דֶער חָלוֹם, אַז זִי וֶועט אִים הַרְגֶענֶען, וָוארְן זִי אִיז בַּיי אַ אַנְדֶערְן.

"זָאל עֶר זִי הַאלְטְן בַּיי זִיךְ"? – הָאט עֶר מוֹרָא פַאר דֶעם חָלוֹם, טָאמֶער וֶועט זִי אִים הַרְגֶענֶען.

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' נִישְׁט גֶעווּאוּסְט, וָואס עֶר זָאל אִיר טָאן.

דֶערְוַוייל, אִיז דִי אַהֲבָה בַּיי אִים קַאלְיֶע גֶעוָוארְן בִּיסְלֶעכְוַוייז, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'חָלוֹם' – (דְהַיְינוּ: עֶר הָאט זִי שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט וִוי פְרִיעֶר) – אוּן אַלֶעמָאל אִיז אַלְץ מֶער קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דִי אַהֲבָה.

אוּן אַזוֹי בַּיי אִיר אִיז אוֹיךְ קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דִי אַהֲבָה, אַלֶעמָאל מֶער – בִּיז ס'אִיז בַּיי אִיר גֶעוָוארְן אַ שִׂנְאָה אוֹיף אִים.

אִיז זִי אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן פוּן אִים – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט, מְ'זָאל זִי זוּכְן.

אִיז מֶען גֶעקוּמֶען, אוּן מְ'הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז זִי דְרֵייט זִיךְ, לֶעבְּן [נֶעבְּן] 'וַואסֶערִ'יגְן־שְׁלָאס'".

וָוארְן ס'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'וַואסֶערִ'יגֶער־שְׁלָאס' – אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן 'צֶען מוֹיעֶרְן', אֵיינֶע אִין דֶער אַנְדֶערֶער [אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן] – אוּן דִי אַלֶע 'צֶען מוֹיעֶרְן', זֶענֶען אַלֶע פוּן 'וַואסֶער' – אוּן דִי 'עֶרְד' אִין דֶעם 'שְׁלָאס' וָואס מְ'גֵייט אוֹיף אִיר, אִיז אוֹיךְ פוּן 'וַואסֶער' – אוּן אַזוֹי דֶער 'גָארְטְן', מִיט דִי 'בֵּיימֶער', מִיט דִי 'פֵּירוֹת', אִיז אַלְץ פוּן 'וַואסֶער'.

אוּן דָאס 'שֵׁיינְקַייט' פוּן דֶעם 'שְׁלָאס', אוּן דֶער 'חִידוּשׁ' פוּן דֶעם 'שְׁלָאס', דָאס הָאט מֶען נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן – וָוארְן ס'אִיז בְּוַודַאי אַ וִוילְד חִידוּשׁ, וָוארְן דֶער גַאנְצֶער 'שְׁלָאס' אִיז פוּן 'וַואסֶער' – אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם 'שְׁלָאס', קֶען מֶען בְּוַודַאי נִישְׁט, וָוארְן מְ'וֶועט דֶערְטְרוּנְקְן וֶוערְן, וָוארְן גָאר דֶער 'שְׁלָאס' אִיז זִיךְ פוּן 'וַואסֶער'.

אוּן דִי 'בַּת־מַלְכָּה', אַז זִי אִיז אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, אִיז זִי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'שְׁלָאס' – אִיז זִי דָארְט אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַרוּם דֶעם 'שְׁלָאס'.

הָאט מֶען גֶעזָאגְט דֶעם 'מֶלֶךְ': "אַז זִי דְרֵייט זִיךְ

דָארְט, אַרוּם דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס'".

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין חַיִל [מִילִיטֶער], אַז עֶר זָאל זִי כַאפְּן.

וִוי דִי 'בַּת־מַלְכָּה' הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן (אַז דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט זַיין 'חַיִל' ווילְן זִי כַאפְּן) – הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, זִי וֶועט אַריינְלוֹיפְן אִין דֶעם 'שְׁלָאס' אַריין – וָוארְן זִי וויל בֶּעסֶער דֶערְטְרוּנְקְן וֶוערְן, אֵיידֶער דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל זִי כַאפְּן, אוּן זִי זָאל בַּיי אִים זַיין – אוּן טָאמֶער, וֶועט זִי פָּארְט נִיצוֹל וֶוערְן, אוּן וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַריינְכַאפְּן אִין דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס'.

וִוי דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן, אַז זִי לוֹיפְט אִין וַואסֶער אַריין – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַז ס'אִיז יָא אַזוֹי, בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] הָאט עֶר גֶעהֵייסְן, אַז מ'זָאל זִי שִׁיסְן, וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, שְׁטַארְבְּן".

הָאט מֶען זִי גֶעשָׁאסְן, אוּן מ'הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי פַּיילְן', וָואס זַיי זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט 'צֶען עֶרְלֵיי סַמִין'.

אוּן זִי דִי 'בַּת־מַלְכָּה', אִיז אַריינְגֶעלָאפְן אִין דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס', אוּן זִי אִיז אִין אִים אַריין, אִינֶעוֵוייניג אַריין.

אוּן זִי אִיז דוּרְךְ [אַרִיבֶּער], דוּרְךְ אַלֶע 'טוֹיעֶרְן' פוּן דִי 'וַואסֶער'יגֶע־מוֹיעֶרְן' – וָוארְן ס'אִיז דָארְטְן פַארְהַאנְדְן 'טוֹיעֶרְן' אִין דִי 'וַואסֶער'יגֶע־מוֹיעֶרְן' – אוּן זִי אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, דוּרְךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע 'צֶען מוֹיעֶרְן', פוּן דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס' – בִּיז זִי אִיז אַריין אִינֶעוֵוייניג, אִין דֶעם 'שְׁלָאס' אַריין.

אוּן זִי אִיז דָארְט אַנִידֶערְגֶעפַאלְן, אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן חֲלָשׁוּת.

"אוּן אִיךְ הֵייל זִי" (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס 'אָךְ־הֶענְט', וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

וָוארְן דֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אִין זַיינֶע 'הֶענְט', אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי צְדָקוֹת' – דֶער קֶען נִישְׁט אַריינְגֵיין אִין דִי אַלֶע 'צֶען מוֹיעֶרְן', פוּן דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס' – וָוארְן עֶר וֶועט דֶערְטְרוּנְקְן וֶוערְן אִין וַואסֶער.

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט זַיין 'חַיִל', זַיי הָאבְּן נָאכְגֶעיָאגְט דֶער 'בַּת־מַלְכָּה' – זֶענֶען זַיי אַלֶע דֶערְטְרוּנְקְן גֶעוָוארְן אִין וַואסֶער.

אוּן אִיךְ קֶען אַריינְגֵיין, אִין אַלֶע 'צֶען מוֹיעֶרְן' פוּן דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס'.

אוּן דִי 'מוֹיעֶרְן' פוּן 'וַואסֶער', דָאס זֶענֶען דִי 'אִינְדְן' [כְּוַואלֶיעס] פוּן דֶעם 'יַם', וָואס זַיי שְׁטֵייעֶן וִוי אַ 'מוֹיעֶר' – אוּן דִי 'ווינְטְן', זַיי שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי 'אִינְדְן' פוּן דֶעם 'יַם', אוּן זַיי הֵייבְּן אוֹיף דִי 'אִינְדְן' – אוּן דִי 'אִינְדְן', וָואס דָאס זֶענֶען דִי 'צֶען מוֹיעֶרְן', זַיי שְׁטֵייעֶן דָארְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] – נָאר דִי 'ווינְטְן', זַיי הַאלְטְן דִי 'אִינְדְן', אוּן הֵייבְּן דִי 'אִינְדְן'.

אוּן אִיךְ קֶען אַריינְגֵיין אִין דִי אַלֶע 'צֶען מוֹיעֶרְן' פוּן דֶעם 'וַואסֶער'יגְן־שְׁלָאס', אוּן אִיךְ קֶען אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן אִיר (דְהַיְינוּ: פוּן דֶער 'בַּת־מַלְכָּה'), אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי פַּיילְן'.

אוּן אִיךְ ווייס אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי דְפֵיקִין' [בְּלַעַ"ז: פָּאלְס], דוּרְךְ דִי 'צֶען פִינְגֶער' – וָוארְן דוּרְךְ אִיטְלֶעכְן 'פִינְגֶער' פוּן דִי 'צֶען פִינְגֶער', קֶען מֶען ווִיסְן אַ בַּאזוּנְדֶערְן 'דֶפֶק' פוּן דִי 'צֶען עֶרְלֵיי דְפֵיקִין'.

אוּן אִיךְ קֶען זִי הֵיילְן דִי 'בַּת־מַלְכָּה', דוּרְךְ אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי נִיגוּנִים' (וָוארְן אִיר 'רְפוּאָה', אִיז דוּרְךְ 'נִגוּנִים', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְט]) – דֶערִיבֶּער הֵייל אִיךְ יָא דִי 'בַּת־מַלְכָּה'.

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס], הָאב אִיךְ אַזוֹי אַ 'כֹּחַ אִין דִי הֶענְט' – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה".

**אִיז דָארְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן זַיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן.**

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (14)

**א. צו וואו איז אנטלאפן די בת מלכה?**
- ❑ צו א וואלד
- ❑ צו א אנדערע שטאט
- ❑ נעבן דעם וואסעריקן שלאס

**ב. וואס האט דער מלך געטון ווען ער האט געזען אז זי לויפט אין וואסער אריין?**
- ❑ ער האט געהייסן זי שיסן
- ❑ ער האוט איר נאכגעיאגט אין וואסער און איז דערטרענקען געווארן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט פאסירט צו די בת מלכה?**
- ❑ עס האט איר געטראפן פינעף פיילן און זי איז געפאלן חלשות
- ❑ עס האט איר געטראפן אלע צעהן פיילן און זי איז געפאלן חלשות
- ❑ עס האט איר געטראפן אלע צעהן פיילן און זי איז געבליבן געזונט

**ד. ווער היילט די בת מלכה?**
- ❑ דער בעטלער וואס איז אהן הענט
- ❑ די דאקטוירים
- ❑ די מעדיצינען

**ה. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

וועלכע זאך וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה, ווערט אויך דערמאנט אין די פרשה (בשלח) ?

וועלכע זאך וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה, ווערט אויך דערמאנט אין פרשת מקץ ?

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין סיפורי מעשיות וועגן א "חלום" ?

וויפל מאל ווערט דא דערמאנט דער נומער "צען" ?

וויפל מאל ווערט דערמאנט אין סיפורי מעשיות וועגן א בת מלכה ?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער אהן קיין הענט? דינסטאג ו' ניסן תק"ע (ימי מוהרנ"ת מ"ב)

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 13 איז**
**הילד החשוב שלום שפירא, בית שמש כתה ח'**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## ווען די ווייצלעך זיך בייגן?

זוּשָׁא דְרֵייט זִיךְ אִין פֶּעלְד פַּארְזוּנְקֶען אִין זַיין טֶעגְלִיכֶע הִתְבּוֹדְדוּת. פַאר זַיינֶע אוֹיגְן שְׁטֵייעֶן רִיזִיגֶע פֶּעלְדֶער מִיט הוֹיכֶע בֵּיימֶער אוֹיף וֶועלְכֶע עֶס וַואקְסְן הֶערְלִיכֶע פְּרוּכְט.

שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט עֶר אוּמְבַּאמֶערְקְט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין אַן אוּמְגֶעהוֹירֶע גְרוֹיסֶע וֵוייץ-פֶּעלְד, וואוּ עֶס וַואקְסְן קְלֵיינֶע אוּן הוֹיכֶע וֵוייץ-זַאנְגֶען. עֶס הֵייבְּן אָן בְּלָאזְן ווִילְדֶע ווִינְטְן, דִי וֵוייצְלֶעךְ שָׁאקְלֶען זִיךְ פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס. 'בִּיז אַפָּאר מִינוּט' טְרַאכְט זוּשָׁא צוּ זִיךְ 'וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּנֶעם גַאנְצְן פֶּעלְד, דִי וֵוייצְלֶעךְ וֶועלְן עֶס נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן, אַזֶעלְכֶע דִינֶע שְׁטֶעקֶעלֶעךְ, ווִיאַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע ווִינְטְן. וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי דוּנֶערְן, בְּלִיצְן אוּן שְׁטוּרֶעם רֶעגְנְס? אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע וֵוייצְלֶעך זֶענֶען זֵיי דָאךְ'.

עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן פְרֶעגְט זִיךְ אַלֵיין: 'אִין דֶער וֶועלְט זֶענֶען דָאךְ פַּארְהַאן אַזוֹיפִיל לֵיידִיגֶע שְׁטָחִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּזֵייעֶן אוּן אַיינְפְלַאנְצְן זַאנְגְן, וֵוייצְלֶעךְ א.א.וו. אָבֶער סְ'אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אוּן צֶעפַאלְן נָאךְ פַארְן וַואקְסְן, ווִי שְׁטֵייט דֶער פֶּעלְד מִיט אַזַא גְבוּרָה אוּן אִיז מְגַדֵּל אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גֶעזוּנְטֶע פֶּעלְדֶער?'...

עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן טְרַאכְט אַרַיין בִּיז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ תְּשׁוּבָה.

עֶס אִיז פַּארְהַאן אַ גוּטֶע לַאנְד, גוּטֶע עֶרְד וָואס פַּארְמָאגְט אַ כֹּחַ צוּ שְׁפְּרָאצְן אוּן וַואקְסְן. דָארְט קֶענֶען דִי גֶעוואוּקְסְן וַואקְסְן מִיט פֶעסְטְקֵייט אוּן שְׁרֶעקְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן קַיין שׁוּם ווִינְט אָדֶער דוּנֶערְן. ווִידֶער אִיז פַּארְהַאן לֶענְדֶער וָואס פַּארְמָאגְן נִישְׁט דֶעם כֹּחַ פוּן וַואקְסְן אוּן שְׁפְּרָאצְן, ווִיפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט נָאר אִין אִיר צוּ זֵייעֶן קֶערְעלֶעךְ, בֵּיימֶעלֶעךְ וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וַואקְסְן גוּט, זֵיי צֶעפַאלְן אוּן פַּארְדַארְבְּן זִיךְ נָאךְ בֶּעפָארְן וַואקְסְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם מָשָׁל



המשך אויף זייט 6

הגליון נתנדב ע"י הר"ר ר' שמעון נתן בלוי הי"ו
לזכות שמחת פדיון הבן של
בנו הילד ישראל נחמן בן רחל שיחי'

הגליון נתנדב ע"י הר"ר שמחה סטארט הי"ו
לרגל נשואי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר ר' יואל צבי ראטענבערג הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר דוד רובינפיין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב